# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:13
מוצאי שב"ק.................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב ו'-ז'
בבלי.........................נדה מ"ה
ירושלמי.....................עירובין ג'
תוספתא.....................חולין ט'
רמב"ם.....................מכירה ט"ז

פרשת ויצא, ט' כסלו, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 11 (425)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי

אִיךְ פְרֵיי מִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאְרְ'ן מֶענְטְשׁ אַ נֵייעֶ וֶועלְט, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן נָאךְ בָּזֶה הָעוֹלָם אַ לֶעבְּן פוּן 'גַן עֵדֶן', מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף; וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן וֶוערְט מְקוּיָּם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר זָאגְט "אָכֵן", עֶס אִיז אֱמֶת "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי", אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט. פַאר מֶען הֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט מִיר, בַּיי מִיר, אוּן נֶעבְּן מִיר, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען שְׁלָאפְט אַ טִיפֶער שְׁלָאף.

אַ אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט (עַיֵּין סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, סִימָן מא) אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַמָאל אַ טוֹבָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", אִיז דֶער אִיד גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, עֶר הָאט אַרַיין גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט פָאר דֶעם פָּסוּק פַאר דִי קִינְדֶער: "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב", יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, "מִשְּׁנָתוֹ", פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָכֵן", עֶס אִיז אֱמֶת, "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי כִּתָּה - "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי", אוּן אִיךְ - אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן אוֹיף זִיךְ - "לֹא יָדָעְתִּי", הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזְרְ'ט עֶטְלִיכֶע מָאל; הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין 'גַן עֵדֶן', עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער פָּסוּק מֵיינְט אִים אַלֵיין, וִוי עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען דָאךְ רֶעדְן צוּ אִים'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי כּוֹחוֹת אוּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער אוֹיף זַיין וֶועג קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאכְן. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, אִיז נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן. וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער. וֶוען מֶען הָאט אָבֶּער דֶעם שֵׂכֶל אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט אֵייבִּיג אַזוֹי, עֶס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָא שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן עֶס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען, דַאן וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַ "סֻלָּם" - אַ לֵייטֶער, וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֵייט אַרוֹיף בִּיזְ'ן הִימְל. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דֶער חָלוֹם פוּן יַעֲקֹב, נָאר דָאס אִיז אוֹיךְ אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער. אַלֶעס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אִיז אַ סִימָן פַאר אוּנְז, אוּן לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע זָאגְט אִיז זַיין תְּפִלָּה: "וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" - עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיזְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד לִיגְט מַמָּשׁ אִין דֶער עֶרְד, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף עֶר אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען בִּיזְ'ן הִימְל אַרַיין.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא אִיז דִי וַוייבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער"; אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גוּטֶע חֲבֵרִים וִוי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז שׁוֹין אָפּ, הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן מֶענְטְשְׁן; עֶנְדֶערְשׁ זִיץ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַז זִי דַארְף נִישְׁט דַיין הִילְף זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ. דִי וֶוענְט אִין שְׁטוּבּ וֶועלְן וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט תּוֹרָה, דִי וֶוענְט וֶועלְן אַרוֹיס שְׁרֵייעֶן: 'דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה"

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תש"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ'ס גֶעפִילְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ט אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט וֵויינֶען וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים אוּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, בִּפְרַט אוֹיף דִי נֵס וָואס דוּ שְׁטֵייסְט אוּן וַוארְטְסְט וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ'.

אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵוייטְנ'ס גֶעפִילְן, בִּפְרַט אוֹיף אַ וַוייבּ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִיסִים שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. הֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער רָב - רֶבִּי יִצְחָק יַעֲקֹב וֵוייס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - דֶער מִנְחַת יִצְחָק. וֶוען עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ פַאר'ן קְרִיג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען דִי מֵיידְל, אוּן דֶער שַׁדְכָן הָאט זֵיי אוֹיסְגֶענַארְט אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר. וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אַ וָואךְ פַאר דִי חֲתֻנָּה אִיז עֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין מַאמֶע צוּ דִי שְׁטָאט וואוּ דִי מֵיידְל הָאט גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָּה וָואס וֶועט פָּארְקוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעזֶען דִי כַּלָּה הָאט זִי גֶעזֶען אַז זִי אִיז אַ בַּעֲלַת מוּם לֹא עָלֵינוּ, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר'ן חָתָן: "מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ; דוּ גֵייסְט נִישְׁט חֲתוּנָּה הָאבְּן מִיט אַ בַּעֲלַת מוּם", הָאט דֶער יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער רָב גֶעזָאגְט: "מַאמֶע, מֶען קֶען נִישְׁט וֵויי טוּן אַ כַּלָּה; דִי כַּלָּה גְרֵייט זִיךְ חֲתוּנָּה צוּ הָאבְּן, קֶען מֶען אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן", הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס?! דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָּה הָאבְּן מִיט אַ פֶעלֶערְדִיגֶע מֵיידְל?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ ווִיל נִישְׁט חֲתוּנָּה הָאבְּן מִיט אַ פֶעלֶערְדִיגֶע מֵיידְל, אָבֶער מֶען קֶען אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן".

בְּקִיצוּר, עֶר הָאט חֲתוּנָּה גֶעהַאט מִיט אִיר אוּן גֶעהַאט פוּן אִיר אֵיין קִינְד; בַּיים קְרִיג אִיז זִי נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם מִיט אַלֶע קְדוֹשִׁים אוּן עֶר הָאט חֲתוּנָּה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵוייטֶע וַוייבּ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז אַוֶועק הָאט עֶר חֲתוּנָּה גֶעהַאט אַ דְרִיטֶע מָאל. לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז פוּן צְווִישְׁן זַיינֶע דְרֵיי וַוייבֶּער הָאט עֶר נָאר גֶעהַאט קִינְדֶער מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע, אוּן פוּן דֶעם קִינְד אִיז גֶעבְּלִיבְּן הוּנְדֶערְטֶער אֵייניקְלֶעךְ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶע אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אוּן דִי אֵיין קִינְד הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר'ן נִישְׁט וֵויי טוּן דִי כַּלָּה".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין וַוייבּ, עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן טְשֶׁעפֶּען, פוּן נִישְׁט רֶעדְן שֵׁיין אוּן עֶר בְּלָאזְט נִישְׁט אוֹיף אִיר וְכוּ' וְכוּ', אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נֵס אַז מֶען הָאט קִינְדֶער.

זַיי מִיר מוֹחֵל אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט; אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו אַפָּאר מָאל אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ כַאפְּן וָואס שְׁטֶערְט דִיר אוּן צוּ זֶען אוֹיבּ אִיךְ לֵיין גוּט. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אָנְגֶעוֵוייטָאגְט; דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער?! זֵיי הָאבְּן דִיר אַרַיין גֶענַארְט אַז מֶען הָאט דִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט דַיין וַוייבּ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען?! ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן: "וָואס אִיז מִיט דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ הָאסְט, אוּן מִיט דַיינֶע סוֹדוֹת וָואס דוּ שְׁלֶעפְּסְט?" דַיין וַוייבּ אִין אִיר ווִיסְטְן חָלוֹם וֶועט נִישְׁט ווִיסְן דַיין סוֹד וָואס דוּ שְׁלֶעפְּסְט מִיט דִיר, אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר?! דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער וֵוייסְן אוֹיךְ נִישְׁט דַיינֶע סוֹדוֹת וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף זֵיי?! יֶעצְט זֶע אִיךְ וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (מִשְׁנָה נְגָעִים ב, ה): "כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ", אַלֶע פֶעלֶערְס זֶעט מֶען חוּץ דִי אֵייגֶענֶע פֶעלֶערְס.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶוען דַיין וַוייבּ זָאל וֵויינֶען; נָאכְן זַיין אַזוֹיפִיל יָארְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הָאסְטוּ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַרַיין גֶענוּמֶען אִין דִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ?

דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי זוּכְן נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר פִירְט מֶען פוּן הִימְל כְּדֵי דִיר צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ טְרִיט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זָאלְסְט אַנֶערְקֶענֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל, נָאר מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדְנ'ס מַאן אוּן יֶעדְנ'ס וַוייבּ - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אַ שָׁאד אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיינְס אוּן דוּ הַאלְסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן יָארְן צוּרִיק; אַ שָׁאד אַז דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל מֶען זִיךְ אוֹיפְעֶסְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, דוּ בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד אַ קְרֶעכְץ".

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ טוֹבָה פוּן דַיין בְּרִיוו. מִיטְוָואךְ נָאכְמִיטָאג פַאר דִי לַ"ג בָּעוֹמֶר סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן בַּיי דִי סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'פוּן וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן, פוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? אַלֶע וֵוייסְן שׁוֹין פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע לֶערְנֶען שׁוֹין דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אוּן זִיכֶער הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע דָא שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן?' אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן פוּן וָואס צוּ רֶעדְן, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען דַיין בְּרִיוו. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֵיינְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט צִי אִיךְ זֶע גוּט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט וֵויי גֶעטוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ' אוּן זִי הָאט גֶעוֵויינְט וְכוּ', דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן; אוֹיף דַיין שְׁוֶוער, שְׁוִויגֶער, שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערְנְס וְכוּ' וְכוּ'. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט רֶעדְן נָאכְאַמָאל פְּשׁוּטֶע דִיבּוּרִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן פוּן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט אִיבֶּער בֶּעטְן דַיין וַוייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִיר דִי שִׂנְאָה צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן מִיט וְכוּ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר תשע"ט)

>>>>>>

וִוי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיף דֶעם לֵייטֶער? שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח"ג רס"ז ע"א) אַז "סוּלָּם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל". דֶער קוֹל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער לֵייטֶער. בְּלוֹיז מִיטְ'ן קוֹל אַלֵיין, קֶען מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע שְׁטַאפְּלֶען אִין לֶעבְּן.

### כַאפּ דִיךְ אָן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי חֲסִידִים בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דָארְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר אָבֶער גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט בִּיטֶערְנִישׁ: "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ?!" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער צוּ קוֹיפְן דִי בֵּייגֶעלֶעךְ. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין דִי וַוייבֶּער שׁוּל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אוּן זֵייעֶר וֵויינֶען, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז קַאפִּיטְל נ' מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, פוּן גְרוֹיס אוֹיסְמוּטְשֶׁענִישׁ הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. עֶר אִיז אַרוֹיף עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרוֹיף צוּ קְרִיכְן, עֶר אִיז אָבֶער אַלְץ צוּרִיק גֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט שְׁטֶערְקֶערֶע כּוֹחוֹת צוּ קְרִיכְן נָאךְ הֶעכֶער אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, עֶר אִיז אָבֶער וַוייטֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן. וִוי הֶעכֶער עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלַאפּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפַאלְן. בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן גָאר הוֹיךְ, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן... מֶער קֶען עֶר נִישְׁט.

אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער שְׁטֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן שְׁרֵייט אַרָאפּ צוּ אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!" - קְרִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אָן!

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּמְגֶעפֶער אַ יָאר אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים דַאן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן קֵיינְמָאל, נָאר קְרִיכְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "נָאךְ דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד". דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם חָלוֹם, וָואס דֶער וֶועג אִיז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערְן לֵייטֶער-לֶעבְּן, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דָאס גֶעבְּט דִי כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט שְׁוועריקֵייטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל בִּיזְ'ן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל פוּן הַצְלָחָה.

<<<<<<

>>>>>>

דֶער לֵייטֶער אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן הוֹיךְ, מֶען דַארְף אָבֶּער נָאר קוּקְן אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל. אוֹיבּ קוּקְט מֶען גְלַייךְ אַרוֹיף בִּיז אוֹיבְן, קֶען מֶען וֶוען צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַזוֹי סַאךְ אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן, וֶוען מֶען אָבֶּער נָאר אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל אִיז עֶס פִּיל גְרִינְגֶער. אוּן וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין צוּרִיק אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּ קְרִיכְן. דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, מֶען דַארְף נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אוֹיב וֶועט מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער קוֹל אִיז דִי טְרֶעפּ פוּנֶעם לֵייטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה - דִי מוֹיל. מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל, אוּן מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרִיבֶּער קְרִיכְן אַלֶעס סָארְט שְׁוֶועריִקַייטְן.

צַדִּיקִים זָאגְן (עַיֵּין זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא) אַז דֶער וָוארְט קוֹל אִיז אַזוֹי וִוי אַ לֵייטֶער. עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט'ן "ק" וָואס שְׁטֵייט זַיין פִּיסְל שְׁטֵייט טִיף אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן "ל" וָואס זַיין טוּרֶעם שְׁטַארְט אַרוֹיס הוֹיךְ אוֹיף אַרוֹיף. דֶער קוֹל פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע פְלֶעצֶער, בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ.

דֶער לֵייטֶער אִיז נִישְׁט נָאר דֶער "קוֹל" פוּן תְּפִלָּה, נָאר אוֹיךְ דֶער "קוֹל" פוּן תּוֹרָה. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב) "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" - וִוי לַאנְג דֶער קוֹל פוּן יַעֲקֹב, דִי אִידְן, וֶוערְט גֶעהֶערְט אִין דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת, קֶענֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו זֵיי גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט "הַקֹּל קוֹל" - עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט קוֹלוֹת וָואס הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער "קוֹל תּוֹרָה" אוּן דֶער "קוֹל תְּפִלָּה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט, עֶר זִינְקְט טִיף אִין דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן עֵשָׂו, דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ נוּצְן דִי קוֹלוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

### ווּאוּ מֶען גֵייט נָאר

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ח) אַז דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֵם הַבָּנִים". אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס רֶעדְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע לָאזְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער אִיר קִינְד. וִויפִיל דָאס קִינְד זָאל זִיךְ נָאר פַארְשְׁמִירְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן, וֶועט דִי מַאמֶע נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג זַיין צוּ זַיין הַאנְט אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִים אָפְּוַואשְׁן, אוֹיפְהוֹיבְּן, אוּן שֵׁיין אָנְטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז דָאס רֶעדְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וֶועט דָאס מִיטְגֵיין מִיט אִים סַיי ווּאוּ אִימֶער. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פַארְשְׁמִירְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוּן אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן סַיי וֶועלְכְן פְּרָאבְּלֶעם.

מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל אַרוֹיף טַאנְצְן פוּן אוּנְטְן בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶען דַארְף גֵיין צוּשְׁטַייטְלֶעךְ טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל. מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעהָאלְפְן מֶער אוּן מֶער. אוֹיבּ וִויל מֶען אַרוֹיפְטַאנְצְן עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּן, אוּן דַאן קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי מוּט אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט.

בַּיי תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מה, ט) וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי נָאז, דִי נָאז וַוייזְט אוֹיף "אֲרִיכַת אַפַּיִם", מֶען דַארְף הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִי יְשׁוּעָה זִיכֶער אָנְקוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג. עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זֶען צוּם סוֹף דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפַּרְשַׁת וַיֵּצֵא)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַ מַחְלוֹקֶת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁוָואגֶערְס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוּתְּפִים אִין אַ בִּיזְנֶעס אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּם סוֹף צֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע פַארְנֶעם, מְ'זִיצְט אַסַאךְ בַּיי דִין תּוֹרָה'ס אוּן מְ'רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִינְדֶערְמִיט קֶעגְן מַיין ווִילְן, וַוייל מַיין טַאטֶע שִׁיקְט מִיט מִיר מֶעסֶעדְזְשֶׁעס צוּ מַיין שְׁוֶוער, אוּן מַיין שְׁוֶוער שִׁיקְט אוֹיף צוּרִיק, אוּן בֵּיידֶע שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל יֶעדֶער הַאלְט אַז אִיךְ הֶעלְף דִי אַנְדֶערֶע זַייט. אוּן אַזוֹי וֶוער אִיךְ צוּרִיסְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַזַא פְּלָאנְטֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת פַּחַד, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְלוֹיפְט פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען; נֶעם דִיר דִי וֶוערְטֶער פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן, זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אַז דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז פַארְמִישְׁט מִיט מַחְלוֹקֶת, וָואס דַארְפְסְטוּ אַרַיין שְׁטֶעקְן דַיין קָאפּ צְווִישְׁן זֵיי? בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ לַיידְן מֶער פוּן אַלֶעמֶען וַוייל מֶען וֶועט דִיר נֶעמֶען פַארְ'ן כַּפָּרָה הִינְדְל. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת נו.): רָבָא אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶוען פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵיי, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי צְוֵויי בְּלִינְדֶע מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אִיז רָבָא צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע גֶענוּמֶען שְׁלָאגְן רָבָא; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי מַחְלוֹקֶת.

זָאלְסְט נִישְׁט טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן; אַז דַיין טַאטֶע הֵייסְט דִיר זָאגְן דָאס אוּן יֶענְץ, מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ דַארְפְסְט דָאס טוּן, דָאס אִיז נִישְׁט כִּיבּוּד אָב; מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דֶער טַאטֶע זָאגְט, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוּן מֶען טְרָאגְט נִישְׁט וַוייטֶער.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט דָאס, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען טוּן וְכוּ'; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אַז דוּ וֶועסְט בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם. דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ"– זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיידֶל אוּן צְנִיעוּת'דִיג אוּן פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוֹיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל זָאלְסְט שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחְלוֹקֶת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תש"פ)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל, דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים אַזוֹיפִיל גֶע'רוֹדְפְ'ט זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט. דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע קוּמְט אָן אִין שְׁטָאט אוּן לַאדְנְט דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זִיךְ, אָבֶער דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט אַהִינְגֵיין.**

### רכא

דֶערְנָאךְ הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַגֵיפָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִינֶעם חָצֵר וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן, פִּילֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְט קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן לֹא עָלֵינוּ, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין אַיינְשְׁטֵיין בַּיי דֶעם צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוֹיף אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶער פַארְנֶעם. כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט פַאר דֶעם צַדִיק, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, פוּן דֶעסְט וֶועגְן "אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת הַשּׁוּרָה" (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ה, י'), פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר עֶר הָאט אִים וַוייטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, יֶעדֶעס מָאל דֶער צַדִיק הָאט גֶעדַאוֶונְט פַארְ'ן עָמוּד אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר פוּן רֶבִּי"ס, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶעגֶעסְן דֶעמָאלְט, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעדַאוֶונְט פְרִיעֶר, אוּן סְ'אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעדַאוֶונְט הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע אִין דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם צַדִיק.

### רכב

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען סֵיי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, סֵיי שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק עֶר זָאל גֵיין קוּקְן אוֹיבּ מְ'זֶעט שׁוֹין דִי שְׁטֶערְנְס אִינְדְרוֹיסְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, גֶעמַאכְט הַבְדָלָה, אוּן גֶענוּמֶען זַיין לוּלְקֶע, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין צוּ רֶבִּי זְאֵב.

דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דֶעם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת טִישׁ אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר פוּן דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי"ס, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אַרַיינְקוּמֶען אָן קַיין הוּט, אָן קַיין גַארְטְל, אוּן מִיטְ'ן לוּלְקֶע אִין הַאנְט. אוּן רֶבִּי זְאֵב הָאט אִים גְלַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב אוּן גֶעמַאכְט הַבְדָלָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט.

### רכג

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת זַייעֶנְדִיג דָארְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט דָארְט מִיט אַסַאךְ קַטְנוּת. מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער דָארְט בְּלַייבְּן, אַז עֶר וֶועט דָארְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער גֶעטוּן מִיט אִים דָארְט אַסַאךְ נִסִים, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי קַטְנוּת הָאט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

**פארזיכערט אייער פלאץ ביים**
**געהויבענעם שבת סיום הש"ס**
**דעם קומענדיגן שב"ק ויגש תש"פ**
**אין די קראון פלאזא האטעל, רופט שוין**
**917-541-1197**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## ערשטע באנד פונעם ספר "עצתו אמונה" ערשינען

מיט פרייד ווערט אויפגענומען די נייעס אז דער ערשטער באנד פונעם ספר "עצתו אמונה" - שאלות ותשובות פונעם ראש ישיבה שליט"א, איז שוין אנגעקומען קיין אמעריקע, און איז שוין דא צו באקומען פאר יעדן איינעם.

ווער עס האט שוין אמאל באגעגנט די קונטרסים "עצתו אמונה", דעם דארף מען שוין נישט ערקלערן פון וואס מען רעדט. אין דעם הייליגן ספר טרעפט יעדער טרעפליכע ענטפערס אויף אלע שאלות און ספיקות מיט וואס יעדער מוטשעט זיך. און אלעס בלויז מיט'ן תורה'דיגע צוגאנג, געבויט אויף די הייליגע ווערטער פון חז"ל, פוסקים, פון הייליגן רבי'ן און זיינע הייליגע תלמידים, אזוי ווי מוהרא"ש זי"ע האט עס אונז איבערגעגעבן. דאס אלעס איז געשריבן געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א אין בריוו פאר אידן און ענטפערס אויף שאלות וואס אידן האבן אריינגעשיקט.

זייער אסאך ווערט גערעדט פון אמונה פשוטה אין אייבערשטן, און אז דאס איז די וועג ווי אזוי אידישע קינדער דערהאלטן זיך אין גלות, נאר דורך גלייבן אינעם אייבערשטן אן קיין חקירות און פילאזאפיע, א פשוטע ריינע אמונה אזוי ווי פרויען און קינדער האבן.

פילע שאלות קומען פון בחורים, וואס ווי באקאנט פלעגט מוהרא"ש אייביג זאגן, אז זיין זאך איז בחורים, און אז קיינער פארשטייט נישט דעם צער פון א בחור וואס וויל חתונה האבן און זיין ערליך און זאגט צו צום אייבערשטן אז ער גייט שוין פון יעצט זיין ערליך, און ווידער איז ער אראפ געפאלן ר"ל, און זיין הארץ דרוקט אים און ער וויינט "וואס וועט זיין מיט מיר?", "וויפיל מאל קען מען זיך אויפהייבן?", "ווען וועל איך שוין א חתן ווערן?" און פרעגן אן דעם ראש ישיבה שליט"א זייערע ספיקות און שאלות, און דער ראש ישיבה שליט"א איז זיי מחזק זיי זאלן נישט אויפגעבן נאר אנהייבן נאכאמאל פון פריש, און געבט זיי עצות וויאזוי זיך ארויסצודרייען פונעם ברענעדיגן יצר הרע, און סגולות פון צדיקים צו טרעפן זייער שידוך.

אסאך בריוו זענען איבער דער ענין פון שלום בית, דער ראש ישיבה שליט"א געט עצות און הדרכה פאר א ריכטיגע אהבה אחוה שלום וריעות צווישן די פאר-פאלק, זיי זאלן וויסן אז די וועג צו האבן שלום בית איז נאר אז מ'איז מוותר איינע דעם צווייטן, מ'קוקט גוט אויף די מאן/ווייב. ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן ווען ס'מאכט זיך פראבלעמען אין שלום בית, און אז חומרות און פרישות ברענגט נישט קיין גוטס.

אזוי אויך שרייבט דער ראש ישיבה זייער אסאך פון "חינוך", מ'זאל וויסן אז דער עיקר וואס מ'דארף אריינלייגן אין די קינדער פון גאר קליין איז אמונה און תפלה, און אזוי אויך אז מידות טובות דארף מען אויסלערנען דאס קינד נאך פון קליינווייז אויס, און אזוי ווייטער ווערט אויסגעשמועסט פארשידענע שאלות וספיקות וועגן חינוך.

זייער אסאך רעדט דער ראש ישיבה שליט"א ארום אין די בריוו פון די גרויסקייט פון "הפצה", ווי דער ראש ישיבה שליט"א דרוקט זיך אויס אין איינע פון די בריוו בזה"ל "איר זענט זיך מחיה מיט די שיעורים פון ישיבה וכו'; די שיעורים האבן געטוישט אייער לעבן, אייער גאנצער בליק אויפן לעבן וכו'; פאר וועם קומט דאס צו פארדאנקען, פון וואו נעם איך די תוכן וואס מיר זאגן ביי די שיעורים, אויב נישט פאר דעם גרויסן מפיץ ר' נתן יאקאבאוויטש נ"י. פאר פופצן יאר צוריק שנת תשס"ד לפ"ק האט ער מיך באגעגנט אין א בית המדרש און ער האט מיר געגעבן א קליין ספר'ל: "אשר בנחל", דאס האט געטוישט מיין לעבן, און דאס האט געטוישט זייער אסאך מענטשנ'ס לעבנס, ווייל אזוי ווי איר שרייבט מיר אז אייער לעבן האט זיך געביטן, אזוי באקום איך יעדן טאג בריוו ווי מענטשן שרייבן אז זייער לעבן האט זיך געטוישט צום גוטן. וואס איז דער מפיץ וואס האט מיר געגעבן דעם ספר "אשר בנחל", ווי אזוי דארף זיין מיין בליק אויף דעם איד?"

און אזוי ווייטער איז נישט מעגליך אויסצורעכענען אלע סארט שאלות און ספיקות וואס ווערן אזוי שיין און הערליך אויסגעקלארט אין די בריוו. און בכלל זענען די בריוו פול מיט התחזקות פאר יעדן איד אין יעדן מצב, מען זאל זיך נישט פארלירן, און געדענקען אז די איינציגסטע פלאץ צו וואו צו אנטלויפן איז נאר צום אייבערשטן. מען זאל גיין צו א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך דארט אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן אויף אידיש, וואס נאר ער קען און וועט דיך העלפן.

דעם ספר קען מען באקומען אין וויליאמסבורג ביים "קרן הדפסה היכל הקודש" אין ישיבה, ווי אויך קען מען עס באשטעלן ביי "חיזוק צום טיר" אויפ'ן נומער 347-509-4908.

**להחיות בהם נפש כל חי!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון למזל טוב
הילד **יעקב יהודה** נ"ו

## פחדים ביינאכט

**האט איר פחדים ביינאכט? אדער סיי וועלכע אנדערע צייט? איר שפירט זיך נישט רואיג און זיכער מיט זיך? איר זענט נישט צופרידן?**
הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 1, 6, 1, 32**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**